דאָס קען דאָך איעדער זען, אז מיט אים פּאסירן איצט אומנאַטורליכע זאכן, דאַ איז ער שווארץ, דאָ איז ער ווייס. און נאָכאַמאָל שווארץ, און נאָכאַמאָל ווייס...

ער איז געקומען ביי זיך צום פּעסטן באַשלוס, דאָס דער ראַבינער וועט אים העלפן. ער וועט אים פאַלן צו די פיס, קושן אים די פיסטריט, ער וועט אים העלפן.

די געדאַנקען האָבן אַריינגעבלאָזן אין אים אַביסל שטאַרקייט.

נאָך אַפּאָר טאָג וועט שוין זיין פאַריבער די צוויי וואָכן, און דער ראַבינער וועט זיין צוריק אין זיין האַטעל. ער וועט שוין ביז דעמאָלט נישט אַרויסגיין אין גאַס — האָט ווילסאָן ביי זיך באַשלאָסן — ער איז סיווי נאָך זייער שוואך, ער וועט זיך גוט אויסרוען. און ער וועט פון דאַנעט גראַד גיין צום ראַבינער.

אוצר החכמה

— יא —

ווילסאָן האָט שוין זייער שטאַרק געוואַרט אויף די מינוט, וואָס ער וועט זיך באַגעגענען מיט'ן ראַבינער. דער טאָג איז ענדליך געקומען.

ווילסאָן איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי. ער האָט איבער-געפרעסט דעם אנצוג זיינעם. ער האָט זיך גוט אָפּגעבאָדן אָפּגעזייפט. ער קוקט אין שפיגל... דער פנים זיינער שיינט, ליכטיג, קלאָר ווייס.

— איי, דאָס גאַנצע איז געווען אַ קאָשמאַר אַ געדעכעניש — קלערט זיך איצט ווילסאָן — ס'איז פאַריבער, און ס'וועט שוין מער נישט זיין. די וועלט פירט זיך ווייטער נאָרמאַל ווי ס'איז געווען. ער דאַרף אַלעס פאַרגעסן, אַרויסקלאַפּן זיך פון קאָפּ.

ער וועט דעם ראַבינער נישט דערציילן קיינע מעשיות — איז ער געקומען צום באַשלוס — ער דאַרף פאַרקויפן די שטיינער, אָפּנעמען הונדערט טויזנט לירות, און ס'וועט אים זיין וואויל אויף דער וועלט.

ווילסאָן טוט זיך אָן דעם שיינעם אנצוג. ער פאַרקעמט זיך בײַם שפיגל שיין די האָר. ער איז אויפגעהייטערט פון זיין שיינעם געזיכט. צום סוף גיט ער אַ קוק אויפן זייגער, אָה, די צייט איז דאָ. ער כאַפּט אויף זיך שנעל די שטיוול. און דערינען די שטיינער פון חושן, און גייט אַרויס פון זיין שטוב.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 51 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווילסאָן איז אָנגעקומען צום האָטעל וואו דער מהר"ל איז איינגעשטאַנען. ער קלאַפּט אָן אינם צימער נומ. 9.

ביטע אריין! — איז געווען דער ענטפער פונם מהר"ל.

ווילסאָן עפנט די טיר. און מיט שנעלע טריטן לויפט ער צו צום מהר"ל, מיט א אויסגעשטרעקטע האַנט, און מיט א ברייטן שמייכל אויפן פנים. אָבער אויף דער מינוט האָט ער זיך פאַרהאַלטן. ער באַמערקט אַז דער מהר"ל רוקט זיך אויף אונטן מיט א שרעק.

ווער זענט איר? פרעגט דער מהר"ל מיט א פאַרוואונדערט פנים.

דער ראַבינער דערקענט מיך נישט? — זאָגט ווילסאָן מיט א פאַרדעכטיגע שטימע — איך בין דאָך דער יעניגער, פון וועם איר ווילט אָפּקויפן די שטיינער פונם חושן.

איך, פון אייך? — קוקט אויף אים דער מהר"ל מיט פאַרשנדיגע בליקן — ס'איז אוממעגליך, איך האָב קיינמאָל נישט פאַרהאַנדלט מיט א נעגער איבער אַזעלכע זאַכן.

אוי נעגער! — האַקט אים ווילסאָן איבער — איך בין ווידער שוואַרץ?!

ער לויפט צו צום שפּיגל וואָס איז געשטאַנען דאָרט אויף דער וואַנט. ער זעט פאַר זיך א נעגער, שוואַרץ ווי קויל.

אוי! ג-ט אין הימל! וואָס איז דאָס מיט מיר? — ברעכט זיך ווילסאָן די הענט מיט אַשרעק — הער ראַבינער העלפט מיר!

דער מהר"ל קוקט אויף אים פאַרדעכטיגט, און זאָגט אים:

— ס'טוט מיר זייער לייד. איך קען אייך נישט. און איך בעט אייך, אַז איר זאָלט פאַרלאָזן מיין צימער.

הער ראַבינער! — זאָגט ווילסאָן מיט א ציטערדיג קול, און מיט אויסגעשטרעקטע הענט — איך בין דאָס דער מענטש, וועלכער האָט אייך געברענגט די שטיינער פון חושן צופאַרקויפן מיט א צוויי וואָכן צוריק, ס'קען דאָך נישט זיין הער ראַבינער דאָס איך זאָל זאָגן סתם ליגנט. קיינער ווייסט דאָך נישט מיין סוד, פונם גנב'ענען די שטיינער פון דעם קעניגליכן מוזעאום, נאָר איר הער ראַבינער. און מיר האָבן זיך פאַראיינבאַרט אויף די פרייז פון הונדערט טויזנט לירות, און איר האָט געבעטן צייט צוויי וואָכן צובאַזאָרגן דאָס געלט. אמת, ס'איז ריכטיג — האָט ווילסאָן פאַרגעזעצט — דאָס מיין פנים איז זינט דאַן פאַרשוואַרצט געוואָרן. איך אַליין ווייס נישט די סיבה דערפון. ס'איז עפּעס אַן אויסטערלישע מיסטעריע.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 52 הודפס ע"י אוצר החכמה

אַט וועל איך אייך ווייזן הער ראַבינער די פּושקע מיט די צוועלף טייערע שטיינער.

ווילסאָן ציט אַרויס די פּושקע פון זיין שטיוול, און לייגט עס אַראָפּ אויפן טיש פון מהר"ל, און זאָגט:

— נו, הער ראַבינער, איז דאָס נישט די זעלבע פּושקע מיט די שטיינער וואָס כ'האָב אייך געוויזען צוריק מיט צוויי וואָכן?

דער מהר"ל כאַפּט אַבליק אויף די פּושקע. דערנאָך קוקט ער אויף ווילסאָן'ען, דער פּנים זיינער איז לויטער און ווייס.

דער מהר"ל קלערט אַביסל, דערנאָך זאָגט ער מיט אַשמייכל:

—יאָ, איצט ווייס איך שוין זיכער, דאָס איר זענט דער זעלבער מאַן פון פאַר צוויי וואָכן.

נו, וואָס איז דער באַדייט הער ראַבינער, פון מיין טראַגעדיע?

— שטאַלפּערט ווילסאָן מיט די ליפּן.

דער מהר"ל כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט, און פירט אים צו, צום שפּיגל איבער די שאַפקע. ווילסאָן זעט דאָס ער איז ווייס און לויטער.

ער ווענדט זיך צום מהר"ל מיט אַ אונטערטעניג געבעט, און מיט אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן:

— הער ראַבינער, איך בין זיכער דאָס איר קענט מיר העלפן פון דעם שרעקליכן אַנשיקעניש מיינעם. איינמאָל שוואַרץ איינמאָל ווייס, און ווידער שוואַרץ... א. א. וו. איך קען דאָך אַזוי נישט לעבן, איך קען נישט קומען צווישן מענטשן. פון מיין כלה'ס שטוב האָט מען מיך שוין אַרויסגעטריבן.

הער ראַבינער — האָט ווילסאָן אויסגעשריגן — איך שווער אייך אין אַלעם וואָס איז הייליג, דאָס איך וועל אַלעם האָרכן און פאָלגן וואָס איר וועט מיר הייסן, נאָר זעט מיך צובאַפרייען פון די טייוואָלישע זאַך.

דער מהר"ל האָט אַביסל געקלערט, און דאַן האָט ער געזאָגט:

— אויב ס'איז ריכטיג אַזוי, דאָס איר זענט בערייט מיך אַלעם צופאָלגן, און צוטאָן וואָס איך וועל אייך הייסן, וועל איך שטרעבן מיט מיין גאַנצן כח אייך צוהעלפן.

דערוויל נעמט נאָר די פּושקע, און לייגט עס ביי אייך צוריק, און זעצט אייך אַנידער. איך וועל קלערן וואָס איז דאָ צוטאָן.

ווילסאָן האָט צוריק אַריינגעשטעלט די פּושקע אין זיין שטיוול, און געוואָלט זיך אַנידערזעצן.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 53 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין דער מינוט כאַפּט אים אָן דער מהר״ל ביי דער האַנט, און פירט אים צו נאָכאַמאָל צום שפּיגל, און זאָגט אים: — זעט.

אוי! כ׳בין דאָך שוין ווידער שוואַרץ — שרייט ווילסאָן אויסערזיך — איך האַלט עס נישט איבער! איך וועל זיך נעמען דאָס לעבן.

ליבער פריינט, נישט זיין פאַרצווייפלט — זאָגט אים דער מהר״ל, און קלאַפּט אים אין די פּלייצע — די גאַנצע זאַך איז שוין פאַר מיר אַנטפּלעקט.

אייב אַזוי — קוקט ווילסאָן מיט פאַרטערטע אויגן אויפן מהר״ל, און כאַפּט אָן דעם מהר״ל׳ס רעכטע האַנט מיט זיינע ביידע הענט — דערבאַרעמט אייך, זאָגט מיר וואָס איז דאָ צוטאָן קעגן דער זאַך.

איר אַליין קענט אייך היילן פון די קרענק.

וויאַזוי הער ראַבינער? זאָגט מיר, און איך וועל שוין אויספאָלגן.

דערווייל לייגט נאָר די שטיינער צוריק אויפן טיש. און קוקט אריין אין שפּיגל.

ווילסאָן האָט תיכף אַזוי געטאָן.

מיין פּנים איז דאָך שוין ווידער קלאָר — זאָגט ווילסאָן פאַרוואונדערט.

און איצט נעמט צוריק די שטיינער צו אייך. און קוקט נאָכאַמאָל אין שפּיגל.

ווילסאָן נעמט צוזיך די שטיינער. ער זעט אין שפּיגל נאָכאַמאָל אשוואַרצן נעגער.

אַזוי! — שרייט אויס ווילסאָן איך זע שוין גענוי. מיין אַנשיקעניש האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט די הייליגע שטיינער.

דאָס איז עס — זאָגט דער מהר״ל מיט אַ טריאומף — און איצט אַז איר זעט שוין אַליין וואָס די הייליגע שטיינער קענען אייך פאַראורזאַכן, זאָלט איר וויסן אַז דאָס געלט וואָס איר וואָלט אָפּגעלייזט פאַר די שטיינער, וואָלט אויף אייך געבראַכט אַ קללה אויף אייער גאַנץ לעבן. יעדע לירה וואָלט אייך פאַראורזאַכט אומהיילבאַרע יסורים און קרענק, וואָס קיינער וואָלט אייך נישט געקענט דערויף העלפן.

ריכטיג הער ראַבינער, איך גלויב דאָס אייך הונדערט פּראָצענט — האָט ווילסאָן געזאָגט — אויב דאָס האָט געקענט פּאַסירן,

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 54 הודפס ע"י אוצר החכמה

אזא אומנאַטורליכע אַנשיקעניש, צוליב די הייליגע שטיינער, איז ווער ווייס וואָס פאַרא אומגליק דאָס געלט וואָלט אויף מיר געבראַכט.

איצט הער ראַבינער — האָט ווילסאָן פאַרגעזעצט — אַז איך האָט מיר איבערגעצייגט איבער דעם רעטעניש וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט, אַז דאָס איז צוליב די הייליגע שטיינער. בעט איך אייך גיט מיר אַן עצה וואו זאָל איך איצט טאָן מיט די שטיינער?

אפשר ווילט איר נאָך אַלץ, איך זאָל ביי אייך אָפּקויפן די שטיינער — זאָגט אים דער מהר״ל מיט אַ איראָנישן שמייכל — און ווען איר גיט מיר צו הונדערט טויזינט לירות, נעם איך עס דען ביי אייך?

נו, זאָגט מיר הער ראַבינער — האָט ווילסאָן זיך געבעטן — וואָס זאָל איך טאָן מיט די שטיינער, איך וועל טאָן ווי איר הייסט. און אחוץ דעם בעט איך אייך הער ראַבינער זאָגט מיר אין אַלגעמיין, וואָס האָב איך צוטאָן אין מיין לעבן. טייערער ראַבינער, גיט מיר אַ לעקציע וויאַזוי איך זאָל זיך אויפפירן פון היינט אָן.

איך בין ביי מיר אין גאַנצן צובראָכן — האָט ווילסאָן פאַרגעזעצט מיט אַ שטאַרק אונטערטעניגדיגן טאָן — עס איז מיר שוין קלאָר, דאָס מיין גאַנצער איינשטעלונג און מיין אַנשויאונג אין לעבן ביז היינט איז געווען פאַלש.

הער ראַבינער. איך געדענק גוט אייערע רייד וואָס איר האָט מיר געזאָגט צוריק מיט צוויי וואָכן ביים אָפּשייד. דאָס אויב מיינע כוונות זענען נישט געווען קיין ריינע ביים אויספירן די גניבה פון די הייליגע שטיינער, האָט דער אויבערשטער אין הימל גענוג וועגן וויאַזוי צופאַרשוואַרצן מיין פנים. איך האָב פון דעם אָפּגעלאַכט ביי מיר אין האַרצן, ווייל לוידער מיינע ערציאונג אומשטענדן האָבן צו־געברענגט דאָס איך בין נישט געווען קיין גלייביגער. און איך האָב געזאָגט אייך, דאָס איך גלויב נישט אַז ס׳פּאַסירן אומנאַטורליכע זאַכן. איצט זע איך וואָסערע פאַלשע וועג איך בין געגאַנגען. איך האָב דאָך אַליין געזען מיט מיינע אויגן דאָס ס׳איז יאָ געשען מיט מיר אומנאַטורליכע זאַכן.

איך בין פאַר אייך מודה ומתוודה טייערער ראַבינער, אַז איך האָב געזאָגט ליגענט, דאָס איך האָב דורכגעפירט די גניבה מיט ערליכע כוונות, דאָס די הייליגע שטיינער זאָלן זיך נישט געפינען אין גוי׳אישע הענט. איך בין זייער ווייט געווען אין מיין גאַנץ לעבן פון ערליכע כוונות. איך האָב דאָס טאַקע געמאַכט נאָר וועגן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : כל הודפס ע״י אוצר החכמה

פאַרברעכערישקייט און געלט גייציגקייט. דאַריבער העָר ראַבינער זענען אייערע הייליגע רייד מקוים געוואָרן. פון הימל האָטמען פאַרשוואַרצט מיין פנים, אויף אַ אומנאַטורליכן אופן.

איצטער זע איך הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט מיט אַ פּאַטוס און מיט אַגרוים געפיל — אַז ס'איז דאָ אַ ג־ט אויף דער וועלט. מיר איז דאָס געוויס, פונקט ווי דאָס האָט פּאַסירט, קען אַלעס פּאַסירן. און איך וויל אָראָפּנעמען פון דעם די געהעריגע קאָנסעקוועַנצן.

הייליגער ראַבינער! לערנט מיך דעם וועג אין וועלכן איך זאָל גיין.

* * *

דער מהר"ל איז געוואָרן שטאַרק גערירט און אַדורגענומען פון ווילסאָן'ס רייד, און האָט אים געזאָגט:

— ליבער פריינד! איך שאַץ אָפּ אייערע רייד ווי געהעריג. און איך וועל אוודאי טאָן אייער פאַרלאַנג. אויב איר מיינט אַלעס אויפריכטיג, איז בעט איך אייך צום ערשטן דאָס איר זאָלט מיר דערציילן אייער גאַנצע היסטאָריע פון אייער פאַרגאַנגענהייט, פון אַלץ קינד אָן ביז היינטיגן טאָג. אין צווישן זאָלט איר מיר אויך אַנטפּלעקן גענוי וויאַזוי איר האָט דורכגעפירט די גניבה פון די הייליגע שטיינער.

איר דאַרפט וויסן ליבער פריינד — האָט דער מהר"ל צוגעגעבן — דאָס פּונקט ווי אַ דאָקטאָר וואָס מ'וויל ביי אים געהיילט ווערן, מוזמען אים אַלעס גענוי דערציילן, כדי ער זאָל קענען פעסטשטעלן די ריכטיגע דיאַגנאָזע.

איך פאַרשטיי דאָס הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט, און איך וועל דאָס זייער גערן טאָן.

געבוירן בין איך אין שפּאַניע, צו אידישע עלטערן, — האָט ווילסאָן אָנגעהויבן זיין ביאָגראַפיע — מיין פאָטער האָט געהייסן „דאָן וואַלערו". אַזויפיל דענק איך פון אַלץ קינד, דאָס מ'האָט מיין פאָטער אַמאָל געכאַפּט אַז ער פּראַקטיצירט דעם אידישן גלויבן אין באַהאַלטעניש, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אידן. און פאַר די זינד האָטמען מיין פאָטער פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן.

אַמענטש האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן בסוד, דאָס מיין פאָטער האָט מיר געגעבן אַ אידישן נאָמען „דוד", אָבער מיך האָט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 56 הודפס ע"י אוצר החכמה

דאָס שוין נישט אינטערעסירט. מ׳האָט מיך גערופן אויף מיין שפּאַנישן נאָמען „עדי וואַלערו״, און מ׳האָט מיך אַריינגעגעבן אין אַ קאַטוילישן ערציאונגס אַנשטאַלט, ביז איך בין ערצויגן געוואָרן אַלץ קריסט.

ווייטער האָט ווילסאָן דערציילט, דאָס נאָענט צו די צוואַנציג יאָר איז ער געקומען אויף בערלין שטודירן אויף די דאָרטיגע אוניווערסיטעט, און ער איז געווען אַ אויסגעצייכנטער שילער אויף אַלע געביטן, איבערהויפּט אין אַרכילאָגיע און איידילשטיינער.

איין זאַך וואָס איך קען פעסטשטעלן — האָט ווילסאָן געזאָגט — דאָס איך האָב קיינמאָל נישט געפילט קיין באַפרידיגונג פון מיין שטודיום. איך האָב געפילט אַלץ דאָס מיין נשמה איז פּוסט. איך האָב געהאַט אַלץ אַ דראַנג צו עפּעס נשמה׳דיגס. און אַזוי ווי איך האָב דאָס נישט געהאַט, האָט מיך די צווייטע זייט אַראָפּגעשלעפּט אויף קרומע דרכים. מ׳האָט מיך געכאַפּט ביי גניבה איינמאָל צווײמאָל דריימאָל, ביים פערטעמאָל האָט מיך דער דירעקטאָר פּראָפ. ריידינגער, אַרויסגעוואָרפן פונם אוניווערסיטעט. אַזוי בין איך דאַן אָנגעקומען אויף לאָנדאָן. דאָ אין לאָנדאָן האָב איך תיכף געענדערט מיין נאָמען אויף „עדוארד ווילסאָן״.

ווייטער האָט ווילסאָן דערציילט, דאָס ער האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זיין קענטעניס און זיין אינטעליגענטע ערשיינונג און באַנעמונג, צווישן די הויעכע שיכטן און אַדל-לייט. און וויאַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט׳ן פּראָפ. פּאול אַנדריאַס, דער דירעקטאָר און הויפּט אויפזעער פונם קעניגליכן מוזעאום. און ווי ער האָט געפעלשעוועט אַ המלצה בריוו אינם נאָמען פון פּראָפ. ריידינגער דער דירעקטאָר פון בערלינער אוניווערסיטעט ווי ער שרייבט צו פּראָפ. אַנדריאַס, דאָס ער זאָל זיין חשוב׳ן תלמיד „אַדואַרד ווילסאָן״ מקרב זיין און ער זאָל אים געבן אַ פּרייעם צוטריט אינם מוזעאום צו אַלע אַנטיק זאַכן. פּראָפ. אַנדריאַס האָט אים דאָס געגעבן. אַביסל שפּעטער האָט ער אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים פּראָפ. אַנדריאַס און זיין שטוב, דאָס זיי האָבן אים אָנגעביטן צו ווערן אַחתן מיט אַנדריאַס׳נס איינציגע טאָכטער, צו וועלכן ער האָט צוגעשטימט, און מ׳האָט געפייערט אַגרויסאַרטיגן פאַרלויבונגס פייערונג מיט גרויסע געסט פון אַלע גרויסע לייט אין די שטאָט.

באַלד דערויף — האָט ווילסאָן דערציילט — איז פּראָפ. אַנדריאַס געגאַנגען אין פּענסיע, ווערנדיג אַלט זעכציג יאָר. און אויף זיין פּלאַץ אַלץ דירעקטאָר פונם מוזעאום איז געקומען אַ יונגער

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 57 הודפס ע״י אוצר החכמה

פּראָפעסאָר מיטן נאָמען מאַרטימאָר. און אויפן פּראָטעזשירונג פונם פּראָפ. אַנדריאַס האָט אים דער נייער דירעקטאָר פּראָפ. מאַרטימאָר געלאָזט ווייטער ביי אַלע פּריווילעגיעס אינם מוזעאום. און ער — ווילסאָן — האָט געהאַט אַ פּרייעם אַריינגאַנג אינם מוזעאום אָן שום שטערונג ווען ער האָט געוואָלט. און אַזוי נאָך, איינמאָל ביינאַכט ווען ער האָט באַזוכט דעם מוזעאום אין גאַנצן אַליין, און אויסקוקענדיג אויספאָרשנדיג דאָרט אַלע זאַכן, האָט ער אָן אויג געוואָרפן אויף די טייערע שטיינער פונם חושן, ער זאָל דאָס אַרויס'גנב'ענען ווען ער קענען פון דעם גליקליך ווערן.

אין קורצן — האָט ווילסאָן אויסגעפירט — איך האָב די גניבה דורכגעפירט קינצליך. איך האָב געלאָזט מאַכן צוועלף נאָכגעמאַכטע שטיינער, פּינקטלעך אין דעם מאָס און געשטאַלט ווי די אָריגינעלע, אויסגעאַרבעט און געשליפן שיין און בליטשקענדיג. און איך האָב די אַריינגעשטעלט אויף אַ מייסטערישן אופן, אויפן פּלאַץ פון די אָריגינעלע. אַזוי אַז ס'איז נישט מעגליך מיט אַלגעמיינע דורכשניטליכע בליקן צודערקענען גאַרנישט, אַז ס'איז דאָרט געטאָן געוואָרן עפּעס אַן ענדערונג.

און דאַן האָט ווילסאָן דערציילט. אַז נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעטאָן, און די שטיינער זענען געווען שוין אין זיין באַזיץ, איז ער אַרויס צום ערשטע מאָל אין די גאַס, עפּעס זיך אַרומקוקן ביי די גרויסע סוחרים פון ווערט שטיינער. אויפן וועג האָט ער דערזען די מודעה אין ציטונג פונם ראַבינער, דאָס ער איז פאַראינטערעסירט צוקויפן אידישע אַנטיק הייליגטימער פאַר יעדן פּרייז, איז ער געקומען צום ראַבינער אין האָטעל.

ווייטער האָט ווילסאָן דערציילט דעם מהר"ל, דאָס פון יענעם טאָג אָן וואָס ער האָט זיך געזען מיט'ן ראַבינער וועגן פאַרקויף פון די הייליגע שטיינער, האָט זיך אָנגעהויבן זיין אומגליק. דאָס ערשטע, וואָס ער איז געקומען אויף אַ באַזוך צו אַנדריאַס'ן, און דאָרט איז געוואָרן אַנדעקט דאָס ער איז שוואַרץ ווי אַנעגער, זיין כלה מיט די שטוב לייט האָבן זיך פאַר אים געשראָקן, און ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו ערקלערן זיין אומגליק. דעם צווייטן טאָג דערויף האָט זיך פּראָפ. אַנדריאַס באַגעגנט — ביי אַ וויסנשאַפטליכן קאָנפערענץ דאָ אין לאָנדאָן — מיטן פּראָפ. ריידינגער דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווערסיטעט, און ס'איז אַרויסגעקומען זיין שווינדל מיט דעם המלצה בריוו וואָס ער — ווילסאָן —האָט געפעלשט אין נאָמען פון

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 58 הודפס ע"י אוצר החכמה

פראָפ. רײדינגער. עס איז זיך פאַרצושטעלן ווי דאָס האָט געווירקט אויפן פראָפ. אַנדריאַס. דאָס ווען ער איז געקומען צוזיי פאַרנאַכט האָט מען אים פּשוט אַרויסגעטריבן מיט בזיונות.

זינט דעמאָלס — האָט ווילסאַן אויסגעפירט — איז די גאַנצע וועלט איבער מיר פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט געוואָרן און מיין לעבן איז נישט קיין לעבן. איך בין שוין געקומען ביי מיר צום באַשלוס דאָס איך זאָל מיר נעמען דאָס לעבן.

דאָס איינציגע וואָס האָט מיר ערייַנגעבלאָזן אביסל האָפנונג און שטאַרקייט, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט דאָס באַלד נאָך אַפּאָר טעג דאַרף איך מיך באַגעגענען מיט'ן הער ראַבינער, און דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז נאָר דער הער ראַבינער קען מיר העלפן.

איך גיב אָפּ אַ דאַנק דעם וואָס איביג לעבט, דאָס מיינע געפילן האָבן מיך נישט גענאַרט. דער הער ראַבינער האָט מיר אויפגעדעקט דעם רעטעניש פון מיין פאַרשוואַרצט פנים, און מיט דעם בין איך געוואָרן איבערציינגט דאָס עס איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט.

איך קען זאָגן, דאָס איך בין היינט אויפסניי געבוירן געוואָרן. דעם לעבן וואָס איך האָב געלעבט ביז היינט, וועל איך מער נישט לעבן. איך האָב זיך גענוג איבערגעציינגט איבער מיר אַליין, אַז דאָס לעבן איז אַ פאַלשער אַן אויסערליכער, פול מיט עגאָאיזם און גרוים האַלטעריי, אָן שום ערנסטן אינהאַלט, אָן שום ריכטיגן ציל און צוועק, נאָר צו לעבן פאַר'ן לעבן וועגן.

הער ראַבינער — האָט ווילסאַן געזאָגט מיט אַ ערנסטן באַרירענדן טאָן — איך פיל אַז מיין גליק איז אין אייערע הענט. לערנט מיך אין וועלכן וועג איך זאָל גיין, און איך וועל אייך נאָכפאָלגן ווי דאָס שעפּסל נאָכ'ן פּאַסטוך. לערנט מיך ווי אַ טאַטע לערנט זיין קינד. איר וועט זיך אין מיר נישט אַנטוישן.

דער מהר"ל איז געווען שטאַרק גערירט פון ווילסאַן'ס אויפריכטיגע רייד. ער האָט געפילט דאָס ס'דעקט זיך אויף פאַר אים אַנייע אויפגאַבע, נאָכוואָס ער איז געקומען אויף לאָנדאָן. און ער טאָר דאָס נישט אָוועקשטויסן פון זיך.

מיין טייערער פריינד מר. ווילסאַן — האָט דער מהר"ל אָנגעהויבן זיינע רייד — איך זע דאָס אייערע רייד קומען פון האַרצן און זענען אמת'דיג, דאַריבער וועל איך אייך זאָגן, דאָס ערשטע מר. ווילסאַן איז, דאָס איר דאַרפט צוריקקערן צום אידישן דת, צום

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 59 הודפס ע"י אוצר החכמה

דת פון אייערע עלטערן, צוליב וועלכן אייער פאָטער האָט זיך געלאָזט פאַרברענען אויפן שייטער־הויפן. דאַן וועט איר ערשט אָנהויבן צופילן אַ צוועק און אַ ציל אין אייער לעבן. איר וועט לעבן פאַר אַ הייליגן אידיאַל וועגן, וואָס וועט אייך געבן באַפרידיגונג אין אַלע הינזיכטן. איר וועט דינען צום גרויסן בורא, וואָס האָט באַשאַפן אַלע וועלטן.

איך בין זיכער — האָט דער מהר״ל געזאָגט — דאָס איר האָט אין אייך אַ הויעכע נשמה, וועלכע איז נעביך פאַרוואָרפן געוואָרן אין די טיפענישן. און מיך האָט מען געשיקט פון הימל אַהער מיט אַשליחות דאָס איך זאָל אייער נשמה צוריק אויפהייבן און אויסוואַשן, אַוועקשטעלן עס אויפן ריכטיגן סטאַדיום.

טייערער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט — איך בין בערייט אייך צופאָלגן, און צוריקקערן פאַלקאָם צום אידישקייט. און איר, הער ראַבינער, וועט זיין מיין וועג ווייזער.

איצט הער ראַבינער, וועט איר מיך צום ערשטן מדריך זיין, וואָס זאָל איך טאָן מיט די הייליגע שטיינער? איך וועל טאָן ווי איר וועט מיר הייסן.

הערט מיך אוים מר. ווילסאָן — האָט דער מהר״ל געזאָגט — די הייליגע שטיינער מוזן צוריקגעשטעלט ווערן אויפן פלאַץ וואו זיי זענען געווען. אַריינגעפּאַסט דאָרט צוריק אינם חושן. זאָלן זיי שטיין ווייטער. אַזוי איז דער רצון השם. עס איז אַגרויס פאַראַנטוואָרט־ליכקייט צורירן זיי פון פלאַץ. און ס׳איז אַגרויס פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר יעדן מענטש צוהאָבן דאָס אין זיין באַזיץ. אין אַליין וואָלט נישט גענומען אויף מיר די פאַראַנטוואָרטליכקייט. דאָס וואָס זיי זענען דאָרט אין גוי׳אישן באַזיץ, דאָס איז נישט אונזער זאַך, דאָס איז דעם אויבערשטנס זאַך. עס וועט קומען אַצייט ווען ס׳וועט אויסגעלייזט ווערן פונם גלות, און עס וועט צוריקקערן — צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע הייליגקייטן — אויפן פלאַץ, אין בית המקדש אינם הייליגן לאַנד. דערווייל דאַרף אַזוי זיין.

אַלזאָ — האָט דער מהר״ל פאַרגעזעצט — ווען איר וועט סתם נעמען די שטיינער און צוריקטראָגן, וועט מען אייך זיכער אַרעסטירן אַלס אַ גנב אָן איינברעכער. און פאַר אַזאַ האַרבע זאַך קענט איר אַפּזיצן אייער לעבן אין תפיסה. דעריבער איז מיין עצה, איר זאָלט נעמען די שטיינער און צוריקטראָגן צום פּראָפ. אַנדריאַס. איך האָב געהערט פון זיין נאָמען נאָך פון פריער. ער האָט אַ שם פאַר אַ פיינעם מענטש. איר וועט זיך פאַר אים אויסגיסן דאָס האַרץ, דאָס איר

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 60 הודפס ע״י אוצר החכמה

זענט איינמאָל נכשל געוואָרן, דער יצר הרע האָט אייך איבערגערעדט און איר האָט געגנב׳עט די שטיינער. אָבער איר האָט שטאַרק חרטה אויף דעם טאַט, כאָטש איר האָט געקענט פאַרקויפן זיי און אָפּנעמען אַ פאַרמעגן מיט געלט, ווילט איר דאָס נישט, איר ווילט פאַרריכטן וואָס איר האָט געטאָן. דעריבער האָט איר צו אים צוריקגעבראַכט די שטיינער, ער זאָל דאָס זען אויף עפּעס אַן אופן צוריקשטעלן אויפן פּלאַץ. דאָס איר זאָלט נישט אַריינפאַלן אין אַ אומגליק.

דער פּראָפ. אַנדריאַס וועט דערקענען די אויפריכטיגקייט פון אייערע רייד, און ער וועט אייך קיין שלעכטס טאָן.

אָבער הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געפרעגט — ער וועט דאָך מיך אין גאַנצן נישט אַריינלאָזן צוזיך אין שטוב, און וועט זיך נישט שטעלן מיט מיר אין וואָרט. אַזוי ווי ער האָט דאָס לעצטע מאָל געטאָן.

אויף דעם איז דאָ אַן עצה — האָט דער מהר״ל געזאָגט — איר וועט צו אים אָפּשרייבן אַ בריוול און אַריינשרייבן אין קורצן די אויבנדערמאָנטע רייד, דאָס איר בעט אים ער זאָל אייך דאָס איינעמאָל אויסהערן. וועט ער אייך נישט צוריקווייזן. און איך וועל בעטן דעם אויבערשטן דאָס איר זאָלט מצליח זיין, און ווי איר וועט דאָס ערלעדיגן וועט איר צוריקקומען דאָ צו מיר!

דאָס האַרץ זאָגט מיר — האָט דער מהר״ל צוגעגעבן — אַז עס וועט נאָך דורך אייך אָפּגעטאָן ווערן אַ גרויסע זאַך, וואָס וועט זיין אַ קידוש השם. גייט און באַגליקט.

## — יב —

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער פּראָפ. אַנדריאַס, צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער, זענען געזעסן ביים פרישטיק, איז אַריין די דינסט און דערלאַנגט אַ בריוול, אַ מאַן וואָס ער שטייט אין דרויסן האָט איר דאָס געגעבן, זי זאָל דאָס דערלאַנגען צום פּראָפעסאָר. דער מאַן וואַרט אין דרויסן אויפן ענטפער.

פּראָפ. אַנדריאַס האָט שנעל געעפנט דעם בריוו, און האָט אָנגעהויבן צולייענען. פּלוצים איז ער געוואָרן בלאַס און דערשראָקן, און האָט די האַנט אַראָפּגעלאָזט צוזאַמען מיט׳ן בריוו.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 61 הודפס ע״י אוצר החכמה

— דאָס איז אַדוואַרד ווילסאָן — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול.

ווילסאָן איז דאָס?! — האָט די טאָכטער איבערגעחזר'ט מיט גרויס איבעראַשונג. ווי אַזוי דערוואַגט ער זיך צו ווענדן צו אונז, נאָך דעם אַלעם וואָס עס האָט פּאַסירט?

ווער קען וויסן — האָט אַנדריאַס געזאָגט — וואָס פאַרא טריק און שווינדל איז שוין ווידער באַהאַלטן אין דעם בריוו?

וואָס שרייבט ער? — האָט די טאָכטער געפרעגט נייגעריג.

דאָ האָסטו, לייען עס — האָט איר דער פאָטער איבערגעגעבן דעם בריוו.

זי האָט גענומען צולייענען מיטן קול, אַז יעדער זאָל הערן.

„געערטער פּראָפעסאָר!

מיט אַשווער געמיט און אַצובראָכן האַרץ קום איך פאַר אייך דאָ, צובעטן פון אייך פאַרגעבונג אויף די אומאָנגענעמליכקייטן וואָס כ'האָב אייך פאַראורזאַכט. איך בין נישט מער דער זעלביגער „אַדוואַרד ווילסאָן" וועם איר האָט געקענט ביז היינט. ס'איז געקומען אַגרויס ענדערונג אין מיין לעבן. כ'בעט אייך, זייט אַזוי גוטסטיג, ערלויבט מיר דאָס איינמאָל נאָך צובאַזוכן אייער שטוב. איך האָב אייך צו אַנדעקן זייער וויכטיגע באַהאַלטענע געהיימניסן, וואָס וועט אייך אינטערעסירן מער ווי אַלע וויסנשאַפטליכע פאָרשונגען וואָס איר האָט ערדייכט ביז היינט. ביז היינט האָט איר געפאָרשט און שטודירט די וואונדער פון די נאַטור. איצט וועט איר זען און זיך קענען פאַרטיפן אין די וואונדער פונ'ם באַשעפער פון דער וועלט. און איך האָף אַז איך וועל אויך דורכדעם זוכה זיין אָפּרייניגן מיין פאַרשוואַרצט פּנים, און צו פאַרגעבונג אויף מיינע זינד. איך וואַרט אויף אייער ענטפער. מיט ערע און אונטערטעניגקייט,

אַדוואַרד ווילסאָן".

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין שטוב אייניגע מינוטן.

צום סוף האָט אַנדריאַס געבראָכן די שטילקייט און געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו מיין טאָכטער?

דער בריוו האָט מיך צוטומלט — האָט די טאָכטער געזאָגט — און אויך איך ווייס נישט וואָס צו באַשליסן. לכאורה זעט אויס אַז דער בריוו איז געשריבן אמת'דיג און אויפריכטיג. דערקעגן אָבער איז אויך שווער זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ באַטריגער ווי ער, זאָל פּלוצים ווערן אַן ערליכער מענטש. נאָר צוריקגערעדט — האָט די

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 62 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

טאָכטער געזאָגט — וואָס קען דאָ פּאַסירן, ווען מיר וועלן אים דאָסמאָל ערפילן זיין וואונש? און אַריינלאָזן אים אויסהערן וואָס ער האָט צוזאָגן. אפשר פאַרט האָט עפּעס פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט אין אים אַזאַ ווענדונג צום גוטן, דאָס ער איז געוואָרן אַן ערליכער אויפריכטיגער מענטש. און אפשר איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט זיין מיסטערישע ערשיינונג מיטן פאַרשוואַרצט פּנים.

איך מיין — האָט די טאָכטער אויסגעפירט — מיר זאָלן אים דאָס איינעמאָל אַריינלאָזן, און הערן וואָס ער האָט צוזאָגן, זעלבסט פאַרשטענדליך אננעמען זיינע רייד מיט רעזערוואַציעס און געוואָרנקייט, ער זאָל אונז נישט נאָכאמאָל עפּעס פאַרפירן.

איך בין איינשטימיג מיט דיר מיין טאָכטער — האָט אַנדריאַס געזאָגט.

אין אַ מינוט דאַרויף, האָט ווילסאָן ערשיינט ביי דער טיר. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי פּעך.

אַנדריאַס האָט אים געזאָגט אַ טרוקענעם: — קומט אַריין.

ווילסאָן האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— איך טרעף נישט קיינע ווערטער, וויאַזוי זיך צו עקסקיוזירן פאַר אייך, פאַר די פאַרדרוסן וואָס כ'האָב אייך פאַראורזאַכט. ריכטיג, איך בין אַ זינדיגער און אַ פאַרברעכער, אָבער נאָר געווען, און נישט מער פון היינט אָן.

מיט דעם האָט ווילסאָן אַרויסגענומען די פּושקע, געעפנט אַלע פיר ביימעלעך, און געוויזן פאַר אַנדריאַס'ן מיט די טאָכטער, די צוועלף בלישקענדיגע טייערע שטיינער פון'ם חושן.

אַ ציטערניש האָט אָנגעכאַפּט דעם פּראָפעסאָר, ס'האָט מיט אים געוואָרפן פאַר שרעק. ער האָט געפילט ווי די ערד עפנט זיך אונטער אים, און ער זינקט אין טיפעניש. אַזויפיל האָט ער אַרויסגערעדט:

— אוי! וואָס איז דאָס? וואָס זע איך מיט מיינע אויגן?

יאָ, יאָ, ריכטיג, אַזוי ווי איר זעט — האָט ווילסאָן געזאָגט — איך האָב דאָס דורכגעפירט דעם פאַרברעכן. איך האָב אויסגענוצט צו שלעכטן, אייער פאַרטרוילכקייט וואָס איר האָט געהאַט צו מיר. איך האָב אַרויסגעגנב'עט די שטיינער פון'ם חושן. איך האָב נישט געקענטביישטיין דעם נסיון. אָבער פון הימל האָט מען מיך שטאַרק געשטראָפט פאַר דעם פאַרברעכן, דאָס איך בין געוואָרן פאַרשוואַרצט אויפן פּנים ווי אַ נעגער, אַזוי ווי איר זעט.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 63 הודפס ע"י אוצר החכמה

איר ווילט זיך איבערצייגן אויף מיינע רייד — האָט ווילסאָן געזאָגט — נו, זעט אַליין.

מיט דעם האָט ווילסאָן גענומען די גאַנצע פּושקע מיט די שטיינער און אַראָפּגעלייגט אויפן טיש.

— איצט קוקט מיך אָן.

אויף זייער גרויס פאַרוואונדערונג האָבן זיי געזען אַליין, דאָס ער איז צוריק ווייס און קלאָר און שיין, ווי ער איז געווען אַלעמאָל.

נו, זעט איר — האָט ווילסאָן געזאָגט מיט אַטריאומף — אַז עס איז דאָ אַ ג—ט אויף דער וועלט. און דאָס האָט מיך צוגעברענגט דערצו, דאָס איך האָב פעסט באַשלאָסן צוריקצוקערן אויפ׳ן ריכטיגן וועג. פון היינט אָן וויל איך לעבן מיט אמת און ערליכקייט. די שטיינער האָב איך צוריקגעברענגט דאָ צו אייך, איך האָף דאָס איר וועט מיך פאַרשטיין, איר וועט זיך רעכענען מיט מיינע אמת׳ע חרטה געפילן, און איר געערטער הער פּראָפעסאָר וועט שוין געפינען אַוועג וויאַזוי דאָס צוריקצושטעלן אויפן פּלאַץ, דאָס עס זאָל נישט דערפון אַרויסקומען קיין טראַגעדיע פאַר מיר.

ליבע טייערע לייטע — האָט ווילסאָן פאַרגעזעצט מיט אַ בעטנדיגן טאָן — איר דאַרפט מיך נישט אַזוי שטאַרק פאַראורטיילן פאַר דעם פאַרברעכן וואָס איך האָב בעגאַנגען. די זאַך איז, וואָס איך האָב געליטן זייער שטאַרק פון געלט־מאַנגל, איך בין פּשוט געווען אין אַ פינאַנציעלן קריזיס. און אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, מ׳האָט אַ יצר הרע. עס קומט אַמאָל פאָר, וואָס ער פּאַקט איינעם אַזוי שטאַרק, און ברענגט איינעם דאָס פאַרברעכן ממש אין די האַנט אַריין, דאָס איז עס כמעט אוממעגליך אים צובאַזיגן. אין אַזאַ סטאַדיע בין איך געקומען. אָבער איצט האָב איך חרטה מיט׳ן גאַנצן האַרץ. איך וואָלט געקענט לייזן פאַר די שטיינער אַגרויס פאַרמעגן, און אַוועקפאָרן ווייט ווייט ווי די וועלט האָט אַן עק, און לעבן אַ גוטן טאָג. ניין, איך פאַרציכט אויף אַלעם, איך האָב איינגעזען דאָס עס איז דאָ אַ ג—ט אויף דער וועלט. מער דאַרף איך נים. פון היינט אָן וויל איך מיך פירן ווי אַ ג־טספאַרכטיגער מענטש, ערליך און אמת׳דיג.

איך האָף פּראָפ. אַנדריאַס׳ן — האָט ווילסאָן אויסגעפירט — דאָס איר האָט מיך פאַרשטאַנען — און איר וועט זיין אַזוי לייטזעליג, דאָס איר וועט מיר העלפן ווי אַזוי צופאַרריכטן מיין פעלער.

פּראָפ. אַנדריאַס מיט די טאָכטער, זענען געבליבן געפּלעפט פון ווילסאָן׳ס רייד. מ׳קען נישט זאָגן, אַז ס׳האָט זיי נישט באַאיינפלוסט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 64 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווילסאָן׳ס אויפריכטיגע ווערטער. זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט אויף דער מינוט וואָס צו זאָגן.

פראָפ. אַנדריאַס האָט נאָך אַ מינוט געשוויגן און געקלערט. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן צו ווילסאָן:

— מר. ווילסאָן, דו וועסט אונז אַנטשולדיגן, איך וועל אַריינגיין מיט מיין פאַמיליע אויף אַ פּאָר מינוטן אין אַ באַזונדער צימער, זיך דורכצורעדן אין דיין זאַך. דו וועסט דאָ רואיג וואַרטן, מיר וועלן נישט פאַרברענגען.

זייער גערן, ווי איר וואונטשט.

* * *

פראָפ. אַנדריאַס מיט זיין פרוי און טאָכטער זענען אַריין אין אַ צווייטן צימער, און פאַרמאַכט די טיר.

נו, מיין טייערע טאָכטער — האָט אַנדריאַס געזאָגט — זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן. איצט האָסטו דאָס וואָרט. דאַרפסט געדענקען אַז דו ביזט נאָך אין פאַרלויבונג מיט ווילסאָן׳ען, אַפּיציעל האָבן מיר נאָך דעם שידוך נישט אָפּגעבראָכן.

איך וועל דיר זאָגן טאַטע, אויפריכטיג — האָט די טאָכטער געזאָגט — איך בין בעאיינפלוסט געוואָרן פון ווילסאָן׳ס רייד. אמת, ער האָט באַגאַנגען אַ גרוים פאַרברעכן. אָבער ער האָט חרטה מיט׳ן גאַנצן הארץ. און ער וויל פאַרריכטן זיין פאַרגאַנגענהייט. ס׳איז ריכטיג וואָס ער זאָגט, דאָס אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש. און קיין מענטש איז נישט זיכער, דאָס דער יצר הרע זאָל אים נישט אַמאָל אַריינכאַפּן מיט אַ זאַך, וואָס שטעלט זיך אַוועק פאַר זיינע אויגן ווי אַ גרויסער נסיון. דער עיקר איז וואָס ער האָט באמת חרטה. אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרברעכער האָט נישט חרטה. און דאָס איז אויך אמת וואָס ער זאָגט, דאָס ער וואָלט געקענט לייזן פאַר די שטיינער אַ פאַרמעגן, און אַוועקפאָרן אין גאַנצן פון לאָנדאָן און לעבן אַ גוטן טאָג. ער פאַרציכטעט אויף דעם אַלעם. ער וויל באמת מער נישט גיין אין אַ זעלכע וועגן. מ׳דאַרף אים נישט אָפּשטויסן.

זאָג טאַטע — האָט די טאָכטער פאַרגעזעצט — בין איך נישט גערעכט? דאָ רעדן די פאַקטן. ס׳איז אַ פאַקט, דאָס ער איז אַ געלונגענער מענטש מיט גרויסע קענטעניסן. דאָס קען קיינער נישט אָפּלייקענען. און איבעראַל וואו ער איז געקומען האָט ער שטאַרק אויסגענומען. אַלע האָבן אים גערימט אַלס הויכאינטעליגענטער

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ליקט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 65 הודפס ע״י אוצר החכמה

מענטש מיט אידילע מאַנירן. אמת ער איז דורכגעפאַלן. אָבער דאָס איז פאַריבער, איינמאָל געשען און ס'וועט מער נישט פּאַסירן.

די פרוי אַנדריאַס האָט אַריינגערעדט:

אוצר החכמה

מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נישט דאָס איינציגע פאַרברעכן זיינע. ער האָט אויך געפעלשט דעם בריוו פון פּראָפ. ריידינגער פון בערלין.

די טאָכטער: — אייגענטליך וואָס האָט ער געמאַכט. ער האָט דען געפעלשט אַן אונטערשריפט כדי אַרויסצוקריגן געלט פון אַ באַנק אָבער פון ערגעצוואו? ! ער האָט באַוויזן אַביסל שאַרפזיניקייט כדי זיך קענען איינאָרדענען געהעריג. דאָס איז נישט מער ווי אַ קונסטשטיק. און דאָס קאָן אויך נאָר אַ פעאיגער מענטש באַווייזן.

זיכער איז דאָס געווען פון אים אַ קרומער שריט — האָט די טאָכטער צוגעגעבן — אָבער איצט אַז ער איז אַזוי אַנטשלאָסן צוגיין נאָר אין ריכטיגע ערליכע וועגן. ווען די אַלע פעלערס זיינע אַוועק גיין, און ער וועט בלייבן מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע מעלות און קענטעניסן, און ס'וועט זיין אין אים אַברכה.

איך שטים איין מיט דיר מיין טאָכטער — האָט פּראָפ. אַנדריאַס געזאָגט — מיר וועלן אים פאַרצייען, און צוריק אַריינגעמען אין די ראַמען פון אונזער פאַמיליע. סוף סוף מוז מען זיך מיט דעם אויך רעכענען, דאָס אַלע אונזערע באַקאַנטע און פריינט ווייסן דאָך דאָס ער איז אונזער צוקונפטיגער איידעם. און פון זיינע פעלערס און קרומע זאַכן איז דאַנקען ג־ט ווייסט מען נישט. אַזוי וועט נישט געשען קיין שום אויפפאַלנדעס, אַלעס בלייבט ביים אַלטן ווי ס'איז געווען.

* * *

די פאַמיליע אַנדריאַס איז צוריק אַריין אינם צימער וואו ווילסאָן איז געווען. פּראָפ. אַנדריאַס האָט גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

— אַלסדען, אונזער פריינט ווילסאָן. מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען מיט אונזער טאָכטער — דיין כלה — דאָס מיר וועלן דיר אַלעס פאַרגעבן. מיר זענען איבערגעצייגט אינם אויפריכטיגקייט פון דיינע רייד, אויב דאָס דו טוסט אַנערקענען און באַדויערן שטאַרק די פעלערשריטן דיינע וואָס דו האָסט געמאַכט. און אויב דו וועסט ווידמען דיין ענערגי און דיינע פעאיגקייטן פון היינט אַן אויפן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 66 הודפס ע"י אוצר החכמה

ריכטיגן וועג וועסטו זיין צו רום און לויב וואו דו וועסט דיך קערן. ווייל מיר שאצן אפ דיינע קענטעניסן און פעאיגקייטן. אלזא מיר מאכן א שטריך אויפן פארגאנגענהייט און ס׳הויבט זיך אן אניי לעבן. און דו ביזט אונזער צוקונפטיגער שוויגערזאן, און דער ליבער חתן פון אונזער איינציגע טאכטער.

וועגן די שטיינער פונם חושן דארפסטו נישט זארגן — האט אנדריאס אויסגעפירט — איך ווייס פון א ספעציעלן באהאלטענעם אריינגאנג אינם מוזעאום, וואס קיינער ווייס דאס נאך נישט. און איך וועל מיך דאסמאל מיט דעם באנוצן, און כ׳וועל צוריקשטעלן די שטיינער אזוי אז קיינער וועט נישט זען און מערקן.

איך בין אייך זייער דאנקבאר — האט ווילסאן געזאגט — פאר אייער גוטהארציגקייט, דאס איר זענט בערייט מיר אלעס צופארצייען, און העלפן מיר צופארריכטן מיין דורכפאל מיט די שטיינער. אבער ליידער איך טו שטארק באדויערן וואס איך מוז אייך זאגן, דאס איך מוז זיך שיידן פון אייך און פון אייער גערעטענע טאכטער אויף אייביג. נאכדעם וואס איך וועל אייך אויפדעקן מיין סוד וועט איר דאס אליין פארשטיין.

דער פאטער מיט די טאכטער האבן געקוקט אויף אים מיט פארוואונדערטע פארשנדיגע אויגן.

איך וועל אייך אויסזאגן דעם אמת׳ן אמת — האט ווילסאן פארגעזעצט — דאס איך בין א איד. געבוירן צו אידישע עלטערן. לײדער איך האב פארלייקענט מיין עלטערן׳ס גלויבן, — נישט אין מיין שולד — איך בין אזוי ערצויגן געווארן דורך פרעמדע מענטשן. מיינע עלטערן האבן זיך געלאזט פארברענען פארן אידישן גלויבן אין שפאניען, און איך האב מיך דערפון אזוי דערוויטערט. דאס איז מיין גרעסטע זינד פון אלע זינדן. אבער איצט בין איך אנטשלאסן צוריק צוקערן צו מיין שטאם און מיין גלויבן. דער אידישער ג—ט האט זיך צו מיר אנטפלעקט. איך האב געזען זיין וואונדער. און איך וועל זיין פון היינט אן אויף אייביג זיין טרייער דינער.

איבער די צייט וואס ווילסאן האט גערעדט, האט אנדריאס געקוקט אראפ אויף דער ערד, ווי איינער שעמט זיך דעם קאפ אויפצוהייבן, אבער ביים ענדע האט ער זיך געשטארקט און געזאגט די ווערטער:

ליבער פריינט ווילסאן! דו האסט אונז טאקע שטארק איבערראשט מיט׳ן אנטפלעקן דיין סוד, דאס דו ביזט א איד. אין די

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 67 הודפס ע״י אוצר החכמה

הײנטיגע צײטן צוזײן א איד אין דערעפנטליכקײט, איז פארבונדן מיט גרויסע נסיונות. אין די הויעכע נאבעלע געזעלשאפטן איז א איד נישט ווילקאמען. אבער דאך, מעגליך אז מיר האבן דיר עפעס צוזאגן אין דער אנגעלעגנהײט. טו איך דאריבער פארשלאגן דאס דו זאלסט אײנווילגן איבערצונעכטיגן דא די נאכט. און אינדערפרי וועלן מיר דיר זאגן וואס מיר האבן צוזאגן.

ווילסאן האט צו דעם אײנגעווילגט.

* * *

ווילסאן האט שוין מיט אומגעדולד געווארט אז די נאכט זאל פאריבער, און ס'זאל קומען דער פרימארגן. ס'האט אים שטארק איבערראשט אנדריאס'נס רײד, דאס ס'איז מעגליך אז ער האט אים נאך וואס צוזאגן אין דער אנגעלעגנהײט. איז דען מעגליך דאס אנדריאס זאל מסכים זײן צו נעמען אן אײדעם א איד, און זײן בת יחידה זאל זיך מגייר זײן, אריבערגײן צום אידישן גלויבן? קען דען אזא זאך אפילו קומען אויפן געדאנק?!

בײנאכט זענען אנדריאס מיט זײן פרוי און טאכטער ארײן אין א באזונדער צימער און פארמאכט די טיר.

נו, ליבע טאכטער אונזערע — האט אנדריאס געזאגט — וואס זאגסטו איצט?

איך וועל אײך זאגן אפנהארציג — האט די טאכטער געזאגט — בײ מיר אין מײנע אויגן איז ווילסאן איצט ארויפגעשטיגן אסאך העכער ווי פריער. און איצט גלויב איך אים אסאך מער און שטארקער זײן צוזאג דאס ער וועט שטענדיג זיך פירן אויפן ערליכן ריכטיגן וועג. ווײל דאס איז טאקע דער ריכטיגער וועג אז מ'זאל רעספעקטירן דעם גלויבן, און נישט פארבײטן דאס וועגן מאטעריעלישע וואוילזײן, אדער וועגן וואסערע אומשטענדע ס'זאל נישט זײן. איך רעספעקטיר אים פאר דעם. און אזוי ווי א פרוי דארף נאכגײן דעם מאן זײנעם, בין איך בערײט צוליב אים אויך אויפצונעמען דעם אידישן גלויבן, דאמיט איך זאל אים נישט זײן קײן שטער אויף זײן וועג.

און אזוי נאך אז איך וועל אויך זײן א אידישע — האט די טאכטער אויסגעפירט — וועט ער זיכער גערן הייראטן מיט מיר, און מיר וועלן צוזאמען גליקליך זײן.

זאלסט וויסן ליבע טאכטער אונזערע — האט אנדריאס געזאגט

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 68 הודפס ע"י אוצר החכמה

— אגרוים פאראנטווארטליכקייט ווילסטו נעמען אויף דיר. איך זעלבסט האב קיין שלעכטן פאראורטייל אויפן אידישן פאלק. אבער צי האסטו דיר גענוג ארעכנונג געגעבן אויף די גרויסע שוועריגקייטן וואו א איד האט אויסצושטיין פון אלע — נישט אידישע — קרייזן?

נו וואס זאגסטו טאטע? — האט די טאכטער געזאגט — איז דאס טאקע בארעכטיגט מ׳זאל אמענטש פארפאלגן פאר זיין גלויבן וועגן?! איז, מיט אזעלכע געוויסנלאזע מענטשן זאל איך מיך רעכנען? איך האב געלייענט אין ביכער, דאס אין שפאניע האטמען פארברענט אידן אין די פיל טויזענטער און געפייניגט זיי מיט די שרעקליכסטע מעטאדן וועגן זייער גלויבן, ווייל זיי האבן עס נישט געוואלט אומבייטן. נו, פרעג איך דיך טאטע, דו ביזט דאך א פראפעסער, א גרויסער געלערנטער מענטש, האט דאס אבארעכטיגונג. און דאס האט מען געטאן אין נאמען פון ציוויליזאציע?! די גרעסטע געלערנטע און די גרעסטע גייסטליכע האבן דאס בארעכטיגט און בייגעוואוינט. פוי... דאס זענען געוויסנלאזע בארבארן. איך לאך פון אזא ציוויליזאציע און פון אזא קולטור. שוין ליבערש צו זיין א איד, און נישט געפינען זיך אין זייערע רייען.

אנדריאס האט זיך די גאנצע צייט געפילט זייער נישט גוט. וואס אים האט געדריקט אויפן הארץ, דאס האט קיינער נישט געוואוסט. ער איז געווארן בלייך, ער האט געבעטן אשטיקל לימענע.

אוי, דו פילסט דיך נישט גוט? — האבן די פרוי און די טאכטער געפרעגט דערשראקן.

ניין! ס׳איז מיר שוין בעסער — האט אנדריאס בארויגט — און ער האט זיך געווענדעט צו זיין פרוי און געזאגט:

— דו דענקסט אז מיר האבן זיך אמאל דאסווארט געגעבן, אז ס׳וועט קומען א צייט ווען מיר וועלן צוריקקערן...

די פרוי: — איך געדענק, איך געדענק...

אנדריאס: — נו, איך מיין אז די צייט און געלעגנהייט איז געקומען... מיר וועלן דעם וואונטש פון אונזער איינציגע טאכטער זיך נישט אקעגנשטעלן, און אויך זיכער זיך נישט שיידן פון איר... פון הימל איז דאס אלעס...

אלזא, אונזער טייערע טאכטער — האט זיך אנדריאס געווענדעט צו די טאכטער מיט טרערן אין די אויגן — וויסן זאלסטו דאס מיר זיינען אויך אידן. און טאקע אונזערע עלטערן האט מען פארברענט אין שפאניען וועגן אידישן גלויבן. דו דארפסט נישט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 69 הודפס ע"י אוצר החכמה

אריבערגיין צום אידישן גלויבן, ווייל מיר זענען סייווי אידן. מיר דארפן נאר אומקערן זיך צום אידישן גלויבן. אין דער אמת'ן אין הארצן האב איך געהאפט אויף דעם מאמענט, ווען ס'וועט קומען דערצו דאס מיר וועלן קענען ווערן צוריק אידן. נאר ליידער מיר האבן נישט געהאט גענוג כח צו שטארקן זיך אויף די נסיונות און אומשטענדן. אבער איצט איז געקומען די צייט, פון הימל האט מען אונז צוגעשיקט די געלעגנהייט.

טייערער פאטער מיינער — האט די טאכטער געזאגט — איך בין זייער איבערראשט פון אייערע רייד. און איך בין זייער צופרידן פון אייער באשלוס. גלויבט מיר מיינע טייערע עלטערן, דאס איך האב שוין א סאך מאל געקלערט, דאס דער אידישער גלויבן, וואס אזויפיל טויזנטער מענטשן אין אלע צייטן האבן זיך געלאזט דערפאר פארברענען און פייניגן לויט ווי איך האב געלייענט אין די ביכער, דער גלויבן מוז זיין דער ריכטיגער, און דאס מוז געבן די אמת'ע זעלן-באפרידיגונג. איר דארפט אייך נישט רעכנען מיט קיינעם נאר מיטן אמת. מ'לעבט נישט אויף דער וועלט פאר מענטשנס וועגן, וואס מענטשן וועלן זאגן. מ'לעבט פאר א ציל, פאר א שטאנדהאפטיגן צוועק, וואס איז אן אייביגקייט.

גלויב מיר טאכטער מיינע — האט אנדריאס געזאגט מיט א גליקליך געפיל — דיינע טייערע רייד זענען מיר געווען ווי באלזאם אויף די הויט. און איך דאנק דעם פון אויבן וואס ער האט מיר געגעבן אזא קינד, מיט אזעלכע טייערע אמת'ע געדאנקען. עס אינטערעסירט מיך נישט מער די מיינונגען פון אלע מיינע קאלעגן די פראפעסארן און וויסנשאפטלייט, און נישט די מיינונגען פון אלע גרויסע אדל-לייט. נאר איין זאך אינטערעסירט מיך, צוריקקערן צום אידישן ג—ט מיט'ן גאנצן הארץ. און מיט דעם וועל איך זיכער גורם זיין א זעלישן פארגעניגן פאר מיין פאטערס נשמה אין גן עדן.

* * *

אינדערפרי האט זיך די פאמיליע אנדריאס זיך אוועקגעזעצט צוריק מיט ווילסאן'ען.

אנדריאס האט גענומען דאס ווארט, און געזאגט מיט אשטארק רירנדע און געבראכענע שטימע:

אונזער טייערער פריינט ווילסאן!

מיר דעקן דיר אויף איצט אונזער סוד, וואס ס'איז געווען

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 70 הודפס ע"י אוצר החכמה